# פרשת ויחי ה׳ - י״ד טבת תשפ״ב לפ״ק

***יום ראשון פרשת ויחי***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין להבחור **נתן נטע** נ״ו בן הר״ר **שמעון יהודא פריעדמאן** הי״ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט״א** אצל הקבלת פנים של החתן **שמואל יוסף** (ב״ר אליהו זאב) **געלב** נ״ו, עב״ג בת הר״ר **ישראל דערבארמדיגער** הי״ו, שהתקיים באולם אימפיריעל.

אחר כך נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של החתן **ברוך צבי** נ״ו בן הר״ר **מרדכי דוד וויטריאל** הי״ו, עב״ג בת הר״ר **פנחס ראטה** הי״ו, שהתקיים באולם עטרת חינקא.

אחר החופה מסר **רבינו שליט״א** שיעור השבועי בשלחן ערוך (או״ח הל׳ ברכת הפירות סימן ר״י סעיף א׳) בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט״א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל״ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה איז געשטאנען, אז בשעת יעקב אבינו איז אראפגעגאנגען אויף מצרים, האט ער מורא געהאט אראפצוגיין, און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אל תירא מרדה מצרימה, האב נישט מורא, כי לגוי גדול אשימך שם, דו וועסט ווערן דארט א גרויס פאלק. אנכי ארד עמך מצרימה, איך וועל מיטגיין מיט דיר, ואנכי אעלך גם עלה, און איך וועל דיך ארויפברענגען, ויוסף ישית ידו על עיניך, און יוסף וועט לייגן זיינע הענט אויף דיינע אויגן (בראשית מו-ג). רש״י איז נישט מפרש וואס עס מיינט אז יוסף וועט לייגן די הענט אויף זיינע אויגן.

**מען** זעהט אין די פריערדיגע פרשה, ווי אזוי יעקב אבינו האט מתאבל געווען אויף יוסף צוויי און צוואנציג יאר. ער האט נישט געוואוסט וואו דער יוסף געפונט זיך, וואס איז געווארן מיט אים, חיה רעה אכלתהו, און וימאן להתנחם, ער האט זיך נישט געוואלט מתנחם זיין. עס שטייט אין מדרש (תנחומא וישב ב), און עס איז צוגעברענגט אין **רבינו בחיי** (לז-לג) מער באריכות, אז קיינער האט נישט געוואוסט וואס עס האט פאסירט מיט יוסף, אויסער די שבטים, און זיי האבן פאר קיינעם נישט פארציילט. בנימין האט אויך געוואוסט אלעס וואס גייט פאר מיט יוסף, ער האט געהאט רוח הקודש, און ער האט געזעהן ווי אזוי די ברודער פארקויפן אים, און ער האט געוואוסט אז יוסף איז אראפגעגאנגען אויף מצרים, ער האט מיטגעהאלטן די גאנצע זאך וואס דא האט פאסירט. ער האט אבער נישט געטארט אויסזאגן פאר יעקב, ווייל מען האט געמאכט א חרם, אז מען טאר נישט פארציילן פאר יעקב, האט ער געמוזט שווייגן. וועגן דעם ווערט זיין שטיין אנגערופן ישפה, ווייל ׳ישפה׳ איז ׳יש פה׳, עס איז דא א מויל וואס קען רעדן, און ער האט געשוויגן.

**קומט** דאך אויס א דבר פליאה מאד. א קינד זיצט מיט א טאטע צוזאמען צוויי און צוואנציג יאר, און ער זעהט ווי דער טאטע איז זיך מצער, און ער זעהט עס איז נישט דא וואס זיך מצער זיין. ער זעהט דעם יוסף ווי ער געפינט זיך אין מצרים, א משנה למלך, און ער איז דארט א צדיק נשגב, ער פירט זיך ווי עס דארף צו זיין, און ער קען נישט פארציילן פאר דעם טאטען. דער טאטע קוקט אן אזא בראך, ער וועט אראפגיין אבל שאולה, ער וועט זיך קיינמאל נישט קענען בארואיגן וואס עס האט פאסירט, און בנימין שטייט אינדערזייט, און ער זעהט אז מען איז זיך מצער אומזיסט, כי למחיה שלחני אלקים, ער איז דארט פאר גוטס.

**די** ברודער קומען צוריק פון מצרים, און זיי פארציילן אז דער אדוני הארץ איז אזא רשע, ער האט געהייסן אז מען זאל מיטברענגען בנימין. און יעקב הייבט זיך אן צו דינגען, מען קען נישט טון אזא זאך. יהודה נעמט אויף זיך ערבות, און יעקב איז מסכים אז מען זאל אראפגיין, וכאשר שכלתי, אזוי ווי איך האב פארלוירן איין קינד, שכלתי, וועל איך פארלירן נאך א קינד. און בנימין שטייט דארט און שמייכלט, עס איז נישט קיין שכלתי, יוסף זיצט דארטן, און ער איז דער אדוני הארץ, און איך גיי יעצט אראפ צו מיין ברודער יוסף, עס איז נישט דא קיין שום זאך אויף וואס מען דארף קלאגן.

**בנימין** קומט אן מיט די ברודער אויף מצרים, - עס שטייט נישט אין רבינו בחיי די גאנצע משל, איך שטעל עס נאר פאר, ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט, - און יוסף הייסט אריינלייגן א גביע, און מען טרעפט שפעטער א גביע באמתחת בנימין, אזעלכע צרות געשעהן דא, און אלע צוררייסן זיך די קליידער, מען גייט ווערן עבדים פאר יוסף. און בנימין שמייכלט, דאס איז דאך מיין ברודער יוסף, ער גייט אונז נעמען פאר עבדים? אבער אז די אויגן זענען פארמאכט, און מען זעהט נישט, קוקט עס אויס ווי עס איז א געוואלדיגע צרה וואס עס האט פאסירט. ווען איינער האלט אבער מיט, מיט אן אנדערן בליק, וואס עס איז געווען די גאנצע צייט, זעהט ער אז עס איז נישט קיין צרות, עס איז אלעס לטובה.

**דער חתם סופר** (פ' כי תשא) זאגט, וראית את אחורי ופני לא יראו (שמות לג-כג). אין אנהייב זעהט נישט א מענטש אסאך מאל נאר דעם שלעכטס, ער זעהט נישט דעם גוטס וואס עס קומט ארויס. עס גייט אדורך א שטיק צייט, זעהט מען אז וואס איך האב געמיינט דעמאלטס אז עס איז געווען אזוי שלעכט, אז מען האט מיר צוגענומען די ביזנעס וכדומה, דאס איז געווען א טובה וואס מען האט עס מיר צוגענומען. עס איז דא צענדליגער משלים וואס יעדער איינער לעבט עס מיט. 'וראית את אחורי', ווען מען קוקט צוריק די מעשה, דעמאלטס זעהט מען דאס גוטס פונעם אייבערשטען, אבער 'ופני', בשעת מען האלט דארטן, דעמאלטס 'לא יראו', זעהט מען עס נישט.

**ווען** יעקב אבינו האט צוריקגעקוקט נאך די צוויי און צוואנציג יאר, אויף וואס האב איך געוויינט. מיין יוסף איז נישט קיין חיה אכלתהו, דא איז ער. און איך האב געוויינט אז מען הייסט אראפברענגען די ברודער'ס אויף מצרים, צו ווער האב איך זיי געשיקט, צו מיין זון יוסף האב איך זיי געשיקט. און יעצט ווער איך געוואויר אז למחיה שלחני אלקים, לשום לכם שארית בארץ, יוסף האט אויסגעטרעטן די וועג פאר די דורות שפעטער אין מצרים. אז עס איז א שאד געווען צו וויינען און צו קלאגן, עס האט זיך אלעס אויסגעלאזט אז עס איז גוט געווען.

**נאר** א מענטש זעהט נישט. יושב בשמים ישחק, דער אייבערשטער שטייט אסאך מאל און לאכט אויפן מענטש, איך טו דיר דאס, מיט דאס, ווייל איך וויל דיך צוגרייטן צו א געוויסע טובה וואס דארף ארויסקומען פון דעם. נאר דו ביסט בלינד, דו זעהסט נישט, וויינסטו, און דו קלאגסט דערויף, און דו רעדסט דיך אפ. עס וועט אדורכגיין א צייט, דו וועסט זיך אליין איבערצייגן די טובה וואס דער אייבערשטער האט דיר געטון.

**עס** קומט אראפצוגיין אויף מצרים, יעקב האט מורא פון מצרים, עס הייבט זיך אן דער גלות, ועבדים וענו אותם ארבע מאות שנה, מען וועט זיין דארט אין גלות אזויפיל יארן, אין אן ערות הארץ, עס טויג נישט, נישט בגשמיות נישט ברוחניות, ווי אזוי טראג איך אראפ מיינע שבעים נפש אויף מצרים. אבער דערווייל ווייסט מען דאך, אז אלעס איז געווען א טובה. דער גלות מצרים איז נישט געווען קיין רעה, גלות מצרים האט מזכך געווען, עס האט אויסגעלייטערט כלל ישראל, אז מען זאל קענען מקבל זיין די תורה. אזוי שטייט אין פסוק (דברים ד-כ) ויוציא אתכם מכור הברזל, עס איז געווען א כור הברזל, עס האט אויסגעלייטערט די נשמות פון יודען, מען זאל קענען מקבל זיין די תורה. די גמרא (ברכות ה.) זאגט, אז שלש מתנות טובות האט דער אייבערשטער געגעבן פאר יודען, און איינס איז געווען ארץ ישראל, וכולם לא נתנו אלא על ידי יסורין. כדי מען זאל זוכה זיין צו ארץ ישראל אויף אלע דורות שפעטער, האט געמוזט זיין א גלות מצרים.

**מען** זעהט, ווען דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו וועגן גלות מצרים, שטייט נישט אין די תורה אז אברהם אבינו האט זיך געדינגען, און ער האט מתפלל געווען דערויף. דער אייבערשטער האט אים געזאגט, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול, עס וועט זיין גלות מצרים מען וועט ארויסגיין מיט א גרויסן רכוש. רכוש מיינט מען נישט א פאר דאלער וואס מען וועט ארויסגיין, עס שטייט פונעם **אר"י הק'**, אז מען וועט זוכה זיין צו קבלת התורה, מען וועט זוכה זיין צו ארץ ישראל, דאס איז די רכוש גדול וואס מען וועט זוכה זיין, און דאס קען נישט קומען נאר נאך גלות מצרים. איז באמת גלות מצרים טאקע געווען ביטער די צייט וואס מען איז דארטן, אבער ווען א מענטש קוקט אויף די טובה וואס קומט ארויס דערפון, זעהט ער דעם חלק הטוב וואס ליגט דערין.

**יעקב** אבינו האט מורא אראפצוגיין אויף מצרים, זאגט אים דער אייבערשטער, אל תירא מרדה מצרים, עס איז נישט קיין ירידה ווען דו גייסט אראפ אויף מצרים, אנכי ארד עמך, איך גיי אראפ מיט דיר צוזאמען, ואנכי אעלך גם עלה, דו וועסט האבן אן עליה, פון דארט וועסטו האבן א גאר א גרויסע עליה. איי דו זעהסט נישט דעם גוטס יעצט, ביי יוסף האסטו יא געזעהן דעם גוטס? חזר דיר איבער דיין אייגן לעבן, וואס איז געווען די לעצטע צוויי און צוואנציג יאר ביי דיר. דו האסט זיך אויך מצער געווען, און דו ביסט שפעטער געוואויר געווארן אז עס איז געווען אומזיסט. די זעלבע ווען דו גייסט אראפ אויף מצרים, דו האסט נישט וואס צו קוקן וואס עס וועט זיין שפעטער, עס וועט זיין גוט. 'ויוסף', דיין פרשה מיט יוסף, איז 'ישית ידו', דאס זאל ארויפלייגן די הענט, 'על עיניך', אויף דיינע אויגן. קוק נישט אזוי ווי דו קוקסט מיט די פליישיגע אויגן, פון די פרשה פון יוסף וועסטו זעהן, אז וואס דו האסט געמיינט אז עס איז נישט גוט, ווי אזוי עס האט זיך אויסגעלאזט דערפון די גוטס. וועסטו פון דעם וויסן אז אל תירא מרדה מצרים, מען דארף נישט מורא האבן פון אראפגיין אויף מצרים.

**דאס** איז ביי יעדן מענטש אזוי. מיר קענען נישט די דרכים פונעם אייבערשטען, אבער איין זאך ווייסן מיר, אז מאתו לא תצא הרעות, פונעם אייבערשטען איז נישט דא קיין שלעכטס, אונז זעה מיר נישט אייביג די טובה, מען קען נישט אלעס זעהן. וויפיל מאל זעהט מען אבער שפעטער, ווען עס גייט אדורך א צייט, זעהט מען אז דאס וואס מען האט אמאל געמיינט אז עס איז נישט גוט, זעהט מען אז עס איז גוט.

**איך** זאג אלץ פאר א משל, ווען א מענטש האט א דזשא"ב, און דער בעל הבית שיקט אים אוועק. ער מיינט אז עס איז זיין ערגסטע טאג אין לעבן, ער האט פארלוירן זיין פרנסה. וואס געשעהנט נאכדעם, ער עפנט זיך אליין א ביזנעס, און ער איז מצליח ב"ה, און ער פארדינט וכדומה, און נאכדעם זאגט ער, געלויבט איז דער אייבערשטער אז דער בעל הבית האט געהאט שכל מיך אוועקצושיקן פון דער ארבעט, קוק, ווען נישט, בלייב איך דאך אן ארבייטער נאך א יאר דארטן, און ווען עס קומט אויף די עלטער, ווארפט ער מיך ארויס אינגאנצען, און וואס טו איך דעמאלטס. ב"ה אז ער האט מיך אוועקגעשיקט פון דער ארבעט... דאס איז די טובה וואס א מענטש זעהט נישט אסאך מאל איין בשעת עס פאסירט, אבער ברבות הימים זעהט מען די גוטס.

**און** אזוי איז געווען אין מצרים, 'ויוסף', די פרשה פון יוסף, 'ישית ידו על עיניך', וועט לייגן די הענט אויף דיינע אויגן. קוק נישט ווי אזוי דאס קוקט אויס מיט די פליישיגע אויגן, קוק, גלייב, אז וואס דער אייבערשטער טוט, איז ואנכי אעלך גם עלה, אז עס איז נישט קיין ירידה, נאר עס איז אן עליה.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של החתן **ברוך צבי וויטריאל** נ"ו ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל החתונה של החתן **אשר זעליג** נ"ו בן הר"ר **דוד אליעזר וויינגארטען** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מענדל שווארץ** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת טשארנא.

*

***יום שני פרשת ויחי***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **אשר אנשיל שטייף** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**יעקב** אבינו האט געבענטשט די קינדער, המלאך הגואל אותי מכל רע, דער מלאך וואס האט מיך אויסגעלייזט פון שלעכטס, יברך את הנערים, זאל אויך בענטשען די קינדער, אפרים און מנשה, ויקרא בהם שמי, מען זאל קענען רופן אין זיי מיין נאמען, ושם אבותי אברהם ויצחק, און די נאמען פון מיינע עלטערן, וידגו לרוב בקרב הארץ, און זיי זאלן זיך פארמערן אזוי ווי דגים (בראשית מח-טז).

**מען** האט פריער גערעדט אז 'אותי', גייט ארויף אויפן אות ברית. יעקב אבינו איז דאך געווען מופלג בקדושה, ער האט געזאגט פאר ראובן ביי די פיר און

אכציג יאר, כוחי וראשית אוני. המלאך הגואל 'אותי', דער מלאך וואס האט גואל געווען מיין אות, יברך את הנערים, זאל בענטשען די קינדער, אז ויקרא בהם שמי ושם אבותי, אז זיי זאלן אויך קענען צוקומען צו די מדריגה, צו דעם וואס איך בין צוגעקומען. דער מלאך וואס האט גואל געווען מיין אות, יברך את הנערים, זאל אויך בענטשען די קינדער, ויקרא בהם שמי ושם אבותי.

**עס** זאגט זיך גרינג, אז מען זאל ווערן געבענטשט, און מען זאל קענען זיין הייליג ווי יעקב אבינו. אבער וואס איז דער וועג דערצו? זאגט די גמרא (קידושין ל:) בראתי יצר הרע, בראתי לו תורה תבלין, אז מען ליגט אין תורה, מען זיצט און מען לערנט, דעמאלטס איז מען אפגעהיטן פון עפעס אנדערש. יעקב איז געווען דער עמוד התורה, יעקב איש תם יושב אהלים (בראשית כה-כז), אז מען איז א איש תם יושב אהלים, איז מען זוכה אז מען קען אויסוואקסען ווי יעקב אבינו איז געווען.

**די** גמרא (ברכות סא:) פארציילט, אז רבי עקיבא האט געלערנט תורה ברבים אין א צייט וואס עס איז געווען א גזירה פון שמד, דער מלכות האט גוזר געווען אז מען זאל נישט לערנען קיין תורה. האט מען אים געפרעגט, דו טרויסט זיך צו לערנען תורה. האט ער געזאגט די באקאנטע משל מיטן שועל, וואס האט געזאגט פאר די דגים, קומטס ארויס און מיר וועלן לעבן בשלום. האבן זיי געזאגט, מה במקום חיותינו כך, אין וואסער, וואו אונז לעב מיר, דארף מען זיך פלאגן פארן לעבן, כל שכן ווען מען וועט ארויסגיין אינדרויסן. ווי אזוי איז עס שייך.

**זעהט** מען, אז דגים לעבן נאר אין וואסער, און דאס איז דער מקום חיות פון א יוד, אין מים אלא תורה (בבא קמא פב.), דאס איז דער מקום פון תורה. האט ער געזאגט, איך וואונטש טאקע אן פאר די קינדער, אז עס זאל קענען זיין המלך הגואל אותי מכל רע יברך את הנערים, זיי זאלן אויך צוקומען צו די מדריגה. אבער וידגו לרוב, זיי זאלן זיך אראפלערנען פון די דגים, אז דגים איז נאר חיותן במים. אויב עס וועט זיין ביי זיי חיותן במים, וועט קענען זיין יברך את הנערים, זיי וועלן אויך צוקומען צו די מדריגה.

*

***יום שלישי פרשת ויחי – עשרה בטבת***

אחר תפלת מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל האפשערן של נכדו הילד **יהודא טירנויער** נ"ו שהתקיים בבית חתנו **הרה"ג רבי ישעי' טירנויער שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק'), בהשתתפות הסב **הגה"צ אב"ד שומרי שבת שליט"א**.

*

***יום רביעי פרשת ויחי***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית באולם עטרת חיה. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יואל וויינשטאק** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך אין די פרשה זאגט די תורה הק' ווי אזוי יעקב אבינו האט געבענטשט יוסף, ויברכם ביום ההוא לאמר, בך יברך ישראל לאמר, יודען וועלן זיך שטענדיג בענטשען מיט די ברכה, און ער האט זיי געזאגט, ישימך אלקים כאפרים וכמנשה (בראשית מח-כ). אין תרגום יונתן שטייט, ויברכם ביום ההוא, ביומא דמהולתא, אין דעם טאג וואס מען וועט מל'ן א קינד, וועלן זיך יודען בענטשען, בך יברך ישראל לאמר, מיט די ברכה פון ישימך אלקים כאפרים וכמנשה. די מפרשים שטעלן זיך, וואו איז דער רמז דא אינעם פסוק, אז מען רעדט פון א טאג וואס מען מל'ט. אין פסוק שטייט נאר סתם, ויברכם ביום ההוא.

**עס** קען זיין, מען געפונט ווען משה רבינו איז געבוירן געווארן, שטייט אין פסוק (שמות ב-ב) אז מען האט געזעהן כי טוב, זאגט רש"י אין פשט, שנולד מהול, ער איז געבוירן געווארן גע'מל'טערהייט. מילה ווערט אנגערופן טוב, מיט דעם וואס מען מל'ט א קינד, מיט דעם לייגט מען אריין דעם חלק הטוב וואס איז דא אינעם מענטש, ער זאל זיך קענען מתגבר זיין אויפן חלק הרע. די מצות און מעשים טובים וואס א יוד טוט, זאל דער יצר טוב קענען האבן א כח אויפן קינד, ער זאל זיך פירן אין דעם וועג.

**'ההוא'** באטרעפט זיבעצן, דאס איז דער מנין פון 'טוב'. און אזוי ווי ווען מען מל'ט א קינד איז דאך 'טוב', אזוי שטיט אין פסוק אז מען האט געזעהן ביי

משה רבינו כי טוב, איז ויברכם, האט ער זיי געבענטשט, אז ביום ההוא, ווען עס וועט קומען דער טאג וואס מען מל'ט א קינד, וואס מילה ווערט אנגערופן טוב, וועט מען זיך וואונטשען בך יברך ישראל לאמור.

**אבער** הא גופא דארף האבן א ביאור, פארוואס ווערט מילה אנגערופן טוב. אין טוב אלא תורה (אבות ו-ג), תורה ווערט אנגערופן טוב. עס שטייט אין מדרש (שמו"ר ל-יב) אז מען קען נישט זוכה זיין צו האבן א השגה אין תורה, ביז מען האט זיך נישט גע'מל'ט קודם. מגיד דבריו ליעקב, חוקיו ומשפטיו לישראל (תהלים קמז-יט), זאגט דער מדרש, מגיד דבריו, דער אייבערשטער גיט נאר די תורה, ליעקב, ווען איינער איז נימול אזוי ווי יעקב. אין **בעלי תוספות** (פ' משפטים) איז דא א לאנגע מעשה, פון א גר וואס האט זיך מגייר געווען, און דער מלך האט אים געפרעגט, דאס אז דו האסט געוואלט לערנען זייער חכמה, פארשטיי איך. אבער פארוואס האסטו זיך געדארפט מל'ן. האט ער אים געזאגט, אז אויב מען מל'ט זיך נישט, קען מען נישט פארשטיין קיין תורה, האט ער זיך געמוזט מל'ן.

**קומט** דאך אויס, אז דאס וואס מען מל'ט א קינד, דאס איז די כניסה פון מגדל זיין א קינד לתורה. וועגן דעם וואונטשט מען אן ביי א ברית, כשם שנכנס לברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, מען האט געעפענט דעם פתח פארן קינד ער זאל קענען שטייגען אין תורה, זאל ער קענען ווייטער אויף דעם וועג אויסוואקסען. קומט אויס, אז כדי מען זאל קענען זוכה זיין צו תורה, דארף מען האבן מצות מילה. וועגן דעם ווערט מילה אנגערופן טוב, ווייל אין טוב אלא תורה, תורה דאס איז טוב, און צוצוקומען צו דעם טוב, דארף מען האבן מילה. איז ויברכם ביום 'ההוא', מען האט געבענטשט אין דעם טאג וואס מען מל'ט דאס קינד, עס איז א טאג וואס איז 'טוב', עס איז טוב ווייל ער איז מקיים מצות מילהביים קינד, און עס איז די כניסה פון תורה ביי דעם קינד, ער זאל קענען נאכדעם האבן א השגה אין תורה, דעמאלטס וועט מען בענטשען דאס קינד ישימך אלקים כאפרים וכמנשה.

**עס** שטייט אין די מפרשים אז אפרים און מנשה זענען געווען צוויי קינדער פון יוסף. רש"י זאגט די וואך (בראשית מח-א), אז אפרים איז געווען רגיל בתלמודו ביי יעקב אבינו, ער איז געזעסן און געלערנט. מנשה איז געווען דער וואס האט ארויסגעהאלפן פאר יוסף אינעם מלכות. דאס איז תורה וגדולה, אפרים דאס איז תורה, און מנשה איז גדולה. און מען וואונטשט אן, ישימך אלקים כאפרים וכמנשה, אז מען זאל האבן ביידע ענינים. מען זאל האבן די גרויסקייט אין תורה ווי אפרים, און האבן גדולה אזוי ווי מנשה. אבער וישם את אפרים לפני מנשה, מען דארף טאקע האבן ביידע, אבער די תורה דארף זיין קודם, און נאך תורה, קומט גדולה. אפרים דאס קומט פאר מנשה.

*

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החדר פירן של נכדו הילד **יהודא טירנויער** נ"ו, בן חדב"ן **הרה"ג רבי ישעי' טירנויער שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק'), שהתקיים בבנין התלמוד תורה. תלמידי כיתות א-ו התאספו לרגל המאורע בהיכל הבית המדרש, וזימרו ניגוני שמחה. אחר כך למדו אותיות הא-ב והפסוקים כנהוג, על ידי המלמד הרב **שלמה זלמן דעווידזאהן** שליט"א. אחר ברכת לחיים עברו ילדי התלמוד תורה לאחל ברכת מזל טוב **לרבינו שליט"א**. בסיום המעמד נכנס **רבינו שליט"א** יחד עם מחותנו **הגה"צ אב"ד שומרי שבת שליט"א** לכיתה א', ואיחל מברכותיו לילדי הכתה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הרב **ברוך בערגער** שליט"א, עב"ג בן הרב שמואל אליעזר פריעדמאן שליט"א, שהתקיים באולם פאפא קידוש זאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום חמישי פרשת ויחי</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה, והתפלל תפלת מנחה, ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

***שבת קודש פרשת ויחי***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד הבחור בנש"ק **יהושע ווייסמאנדל** נ"ו.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם להבת הנולדה אצל הר"ר **יצחק דוד נאה** הי"ו. כמו כן התקיימה שמחת עליה לתורה של בן הרב **בנימין פאפלאנאש** שליט"א (ר"מ בישיבה גדולה). אחר התפלה התקיימה קידושא רבא לכבוד השמחות.

בסעודת רעוא דרעוין השמיע **רבינו שליט"א** בסיום דבריו דברי מוסר והתעוררות לקראת ימי השובבי"ם הבעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** טרעט דאך אריין אין די ימי השובבי"ם. טעג וואס עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז עס האט אין זיך געוואלדיגע סגולות אז א מענטש זאל קענען תשובה טון, און מתקן זיין דעם עבר וואס איז אדורכגעגאנגען. עס קומט געוויסע כוחות אין די טעג וואס מען ליינט די פרשיות, אז א מענטש זאל זיך קענען מקדש זיין. א עיבור יאר בפרט, שובבי"ם ת"ת, שטייט פונעם אר"י הק', אז די עיקר תיקונים איז געזאגט געווארן אויף די וואכן פון אזא יאר.

**אמאליגע** צייטן מען האט אסאך מרבה געווען בתעניתים אין די טעג, מען האט געזוכט תיקונים וואס מען קען מתקן זיין. אז מען האט געהאט א הנאה פון אן עבירה, האט מען עס אפגעדינט, מען האט זיך מתענה געווען, און מסגף געווען. מען לעבט אין א שוואכן דור, עס איז נישט דא די כוחות אז מען זאל דאס קענען טון, אבער דאס מיינט נישט, אז ווייל מען קען נישט, איז מען פטור פון אלעם, און מען דארף גארנישט טון. אפילו מען קען נישט פאסטן גאנצעטע טעג, קען מען פאסטן למחצה לשליש ולרביע, א האלבן טאג וכדומה, יעדער איינער לפי ערכו, עס זאל אים נישט שטערן פון זיין עבודת ה'.

**מרבה** זיין בתהלים, בעטן פונעם אייבערשטען, דאס קען דאך יעדער איינער. יעדער האט א מויל, יעדער האט א תהלים, ווען מען האט צייט, א רואיגע צייט, עס איז נישט דער ענין אפצוזאגן תהלים, נישט מרבה זיין שלא בכוונה, נאר זיך אויסרעדן, דורכשמועסן, מתוודה זיין, מודה ועוזב ירוחם, מתחרט זיין אויף וואס מען האט געטון, און בעטן פונעם אייבערשטען, דער באשעפער זאל געבן די כוחות הנפש, אז מען זאל נישט נאכאמאל נכשל ווערן, און מען זאל קענען זיך פירן ערליך.

**אין** יעדן ענין איז דאך דא סור מרע ועשה טוב. 'סור מרע' איז די ערשטע, נאכדעם קומט דער 'עשה טוב'. - סור מרע. מען לעבט היינט אין א וועלט פון נסיונות, עס איז קיינמאל נישט געווען אזא דור ווי וואס אונז לעב מיר היינט, וואס א מענטש קען אנקומען צו אלע עקן פון די וועלט, צו יעדן מענטש אין די וועלט. וואס ער וויל, קען ער זעהן, און וואו ער וויל, קען ער אנקומען, און אלעס איז בסתר, אלעס איז ביי אים אין שטוב, מיט א קליין כלי קען ער אנקומען איבעראל. און מיר האבן נישט היינט די כוחות הנפש מען זאל זיך קענען געהעריג מתגבר זיין, עס איז תוקפו עליו יצרו, מען האט נישט די כוחות אמאל, וואס קען מען טון.

**אבער** גדרים קען זיך יעדער אליין מאכן. **מען קען נישט אריינגיין אין טעג פון שובבי"ם, און מקבל זיין אויף זיך אז ער וויל זיך פארבעסערן, ביז ער האט נישט געמאכט עפעס א גדר אין 'סור מרע'. וואס גיי איך פארבעסערן פון מארגן און ווייטער, אין די נסיונות וואס איך האב.** מען רעדט דאך פון כלים וואס איז אפגעהיטן, עס איז דאך שייך נאך מער זיך צו היטן, עס איז דאך שייך נאך מער און נאך מער. עס איז דא גדרים וואס א מענטש קען מאכן, ער האט עס נישט אייביג, ער האט עס נישט ביי זיך אין טאש, ער ברענגט עס נישט אריין צו זיך אין שטוב. מען קען זיך מאכן גדרים, אז עס זאל זיין שעות אין טאג וואס איך לייג עס אוועק אין דער זייט, און איך קום נישט צו דערצו. פשוט זיך אליין צוגעוואוינען אז מען דארף עס נישט האבן שטענדיג, און מען קען לעבן אן דעם, און מען 'דארף' לעבן אן דעם! א מענטש דארף זיך מאכן, יעדער לויט זיין מצב, עס איז נישט שייך צו רעדן פאר א ציבור וואס מען האט צו טון, אבער אז מען וויל עפעס טון, דארף זיין דער סור מרע, עפעס א גדר וואס האב איך זיך מתגדר געווען אויף די קומענדיגע טעג.

**אויב** מען קען אריינגיין אין די שובבי"ם, און עס איז אים גארנישט מחייב, עס איז נאר צו געבן א קרעכץ,

און עס איז גארנישט מחייב, עס האט אים גארנישט געטוישט, אז ער האט עפעס געטון אנדערש פון היינט און ווייטער פון וואס ער האט געטון נעכטן, האט ער נישט צוגעריכט אינגאנצען צו דעם ענין פון שובבי"ם. א מענטש דארף זיך מאכן געוויסע גדרים, מוסיף והולך זיין. דו קענסט נישט קיין סאך, טו אביסל. דו קענסט נישט אלעס, טו וואס דו קענסט. אבער עפעס מוז ער קענען זאגן ביי זיך, אז ער האט געטוישט אין זיין מהלך החיים פון וואס עס איז געווען ביז יעצט. - דאס איז דער 'סור מרע'.

**'עשה** טוב'. מרבה זיין בתפלה, מרבה זיין באמירת תהלים. אמאליגע צייטן פלעג צו זיין אז מען איז אויפגעשטאנען פארטאגס, און מען האט געזאגט תהלים, ליל שישי, וכדומה, אנדערע זמנים, שבתים, ווען א מענטש האט פרייע צייט, מרבה זיין אין תהלים, און בעטן פונעם אייבערשטען. די תפלות וואס מען איז מתפלל צום אייבערשטען, שמונה עשרה וכדומה, האט אין זיך א עקסטערע כח אין די טעג, אז וואס מען איז מתפלל, זאל ווערן אנגענומען.

**עס** איז דאך גלוי וידוע לפניך שרצונינו לעשות רצונך, דער אייבערשטער ווייסט אז יעדער יוד וויל זיין גוט, מען וויל זיך פירן ערליך, מען האט נאר נישט די כוחות הנפש היינט, מען איז זייער שוואך, אונז פאל מיר אדורך אויף יעדע קלייניגקייט. ווען עס קומט א נסיון, פאלט מען אדורך. אבער מען דארף דאך וויסן, מען דארף זיך קענען היטן, מען דארף זיך צו היטן וואס דו קענסט יא. מען בעהט נישט פון דיר א זאך וואס דו קענסט נישט, נאר וואס דו קענסט, דארף מען זעהן צו מאכן ביי זיך גדרים וסייגים, איך וויל גיין אויפן ריכטיגן וועג. און הבא לטהר מסייען אותו, ווען א מענטש וויל זיך מטהר זיין, איז דא א סיוע פונעם אייבערשטען.

**מען** דארף געדענקען אז יעדער נסיון וואס ער האט, טוט דערהייבן דעם מענטש. וועגן דעם האבן מיר די נסיונות, מיר זאלן זיך דערהייבן. דער באשעפער גיט אונז, אז אונז זאל מיר קענען מקדש זיין שם שמים בסתר. מען בעהט נישט פון אונז, אז אונז זאל מיר זיך הרג'נען פאר'ן אייבערשטען, ווי עס איז געווען אין די פריערדיגע דורות, וואס מען האט געהאט קידוש ה' זיך צו הרג'נען פארן באשעפער, וחי בהם (ויקרא יח-ה) ולא שימות בהם (יומא פה:), דו קענסט לעבן מיט קידוש ה'. יעדעס מאל ווען א מענטש האלט זיך צוריק, ער טוט נישט א זאך וואס ער האט געוואלט טון, האט ער מקדש געווען דעם אייבערשטען'ס נאמען.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, מען טרעט אריין אין די טעג, מען זאל עס קענען אויסנוצן צו עבודת ה', נאנט צו ווערן צום אייבערשטען. מען זאל קענען מתקן זיין אלע אונזערע טעג וואס איז אדורכגעגאנגען, מען זאל קענען דינען ווייטער דעם אייבערשטען בקדושה וטהרה. מען זאל זוכה זיין איבערצוגעבן, נישט נאר פאר אונז, נאר אויך פאר אונזערע קינדער, פאר אונזערע אייניקלעך. ביי יוסף הצדיק געפונט מען, אז די קדושה פון די עלטערן איז אריבערגעגאנגען שפעטער אויף די דורות נאכדעם, זאל מען קענען מקדש זיין אונזערע דורות. מיר ווייסן נישט וואו אונז וועל מיר נאך אנקומען דא אין די היינטיגע דורות, צו קענען מגדל זיין ערליכע קינדער. וואס עלטערן טוען, לאזט איבער אן השפעה אויף שפעטער אויף די קינדער אויך. זאלן מיר אלע זוכה זיין בקרוב, אקעגן צוגיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.